**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/2/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע צו פארברייטערן העלט קעיר צוטריט און שטיצן מאטערנאל געזונטהייט

***לעגיסלאציע S.201/A.2656 ערלויבט טראגעדיגע פרויען זיך איינצושרייבן פאר העלט אינשורענס פאליסיס אהן ווערן באשטראפט***

***לעגיסלאציע S.1965-A/A.3865-A פאדערט געוויסע העלט אינשורענס געבער צו דעקן פרינעיטעל וויטאמינען***

***לעגיסלאציע S.1965-A/A.3865-A פארברייטערט אינשורענס דעקונג פאדערונגען פאר מענטשליכע דאנאר מילך***

***ניו יארק פירט די לאנד מיטן ערשטע באצאלטע פרינעיטעל קעיר ארלויב פאליסי, גילטיג פון די ערשטע ינואר***

גאווערנער קעטי האקול האט אינטערגעשריבן לעגיסלאציע צו פארברייטערן דעקונג פאר פרויען'ס געזונט דורכאויס און נאך שוואנגערשאפט. די ביל אינטערשרייבונג בויט זיך איוף גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו שטיצן מאטערנאל געזונטהייט,אריינגערעכנט פארזיכערנדיג די-לאנד'ס-ערשטע באצאלטע פרינעיטעל ארלויב, פארברייטערן צוטריט צו דאולא סערוויסן אין מאכן פרינעיטעל קעיר מער צוגענגליך פאר ניו יארקער.

"מיר האבן גענומען נאך א באדייטנדע טריט צו פארזיכערן אז יעדער טראגעדיגע פרוי אין אונזער סטעיט האט צוטריט צו העלטקעיר אהן קיין צוימונגען אדער פארשפעטיגונגען," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער לעגיסלאציע שטרייכט אונטער די פארפליכטונג צו מאכן ניו יארק א פירער אין מאטערנאל העלטקעיר און צוזשטעלן פאר פאמיליעס די שטיצע וואס קומט זיך זיי."

לעגיסלאציע S.201/A.2656 ערלויבט טראגעדיגע פרויען זיך איינצושרייבן פאר העלט אינשורענס פאליסיס סיי ווען אהן ווערן באשטראפט. די לעגיסלאציע פארבאדט קאמערציאלע געזונטהייט מעינטענענס ארגאניזאציעס פון נעמען אפצאל פאר סעפעציעלע איינשרייבונג צוליב שוואנגערשאפט.

**סטעיט סענאטאר קארדעל קליער האט געזאגט,** "מיין ביל שטעלט פאר א וויכטיגע טריט צו פארבעסערן מאטערנאל העלט דורך פארזיכערן אז טראגעדיגע מענטשן האבן צוטריט צו העלט אינשורענס אהן ווערן באשטראפט. אוועקנעמען צוימונגען צו איינשרייבונג, ערמעגליכן פאר פרויען צו פריאריטאזירן זייער געזונט און וואויל-זיין דורכאויס די קריטישע צייט, נויטיג פאר פאזעטיווע שוואנגערשאפט רעזולטאטן. איך בין זייער צופרידן אז די סענאט און אסעמבלי האבן אינאיינעם באשטעטיגט דער לעגיסלאציע און אז די גאווערנער שרייבט עס אריין אינעם געזעץ."

**אסעמבלימעמבער לאטריס מ. וואלקער האט געזאגט,** ”איך בין די שטאלצע אסעמבלי ספאנסער פון A.2656, וועלכע וועט ערלויבן טראגעדיגע פרויען זיך צו איינשרייבן אין די סטעיט'ס געזונטהייט אויסטויש סיי ווען אהן ווערן באשטראפט. די אינטערשרייבונג פון דער ביל איז וויכטיג פאר מיר אלץ א מאמע און טוט שיקן א קלארע מעסעדזש צו אלע ניו יארקער אז די סטעיט איז פארפליכטערט צו באקעמפן פארמערנדע מאטערנאל טויט ראטעס אין אמעריקע, ספעציעל צווישן שווארצע פרויען. איך בין דאנקבאר צו מיינע קאלעגעס און גאווערנער קעטי האקול פאר זייער פירערשאפט אין די באמיאונגען צו פארבעסערן מאטערנאל רעזולטאטן אין ניו יארק סטעיט. שוואנגערשאפט איז א צייט פאר פרייד און האפענונג, נישט פאר ענקזייעטי איבער צוטריט צו העלטקעיר.”

לעגיסלאציע S.1965-A/A.3865-A פאדערט פון קאמערציאלע העלט אינשורענס געבער אין ניו יארק סטעיט צו דעקן פרינעיטעל וויטאמינען ווען פארשריבן דורך א העלטקעיר פראקטישאנער.

**סטעיט סענאטאר דשאסעף פ. אדאבא, דשוניאר האט געזאגט,** ”דער לעגיסלאציע איז א וויכטיגע שריט וואס פארזיכערט אז פרינעיטעל וויטאמינען ווערן געדעקט דורך קאמערציאלע העלט אינשורענס געבער, צושטעלנדיג קריטישע שטיצע פאר טראגעדיגע פרויען. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס שטיצע מיט אינטערשרייבן דער ביל, וועלכע וועט האלטן ניו יארק אלץ א פירער אין מאטערנאל העלטקעיר, מאכנדיג באדייטענדע פארשריט צו פארבעסערן צוטריט און צוגענגליכקייט פאר אלע פאמיליעס. צוזאמען, קענען מיר שאפן א מער געזונטער צוקונפט פאר אונזער קינדער און שטיצן די וואויל-זיין פון מאמעס לענגאויס אונזער סטעיט.”

**אסעמבלימעמבער איילין מ. גונטער האט געזאגט,** ”דער ביל שטרייכט אינטער א הויפט ציל פון מיין פאזיציע אלץ אן אויסגעוועלטער באאמטער: פארבעסערן פרויען'ס העלטקעיר. עס איז געווען פון מיינע צילן פון די טעג וואס איך האב געארבעט אלץ א נורס. די דורכפירונג פון די ביל, וועלכע פאדארט פון קאמערציאלע העלט אינשורענס געבער אין ניו יארק צו דעקן פרינעיטעל וויטאמינען, באווייזט אז מיינע קאלעגעס אין ביידע לעגעסלאטיווע הייזער און די גאווערנער טיילן מיט דער פריאריטעט. די ניין חודשים פירענדיג צו די געבורט פון א קינד זענען קריטיש פאר פאמיליעס, און אלץ א סטעיט, אונזער געוויכט זאל זיין צו פארזיכערן אז מאמעס און פאמיליעס האבן די הילפסמיטלען וואס זיי דארפן. איך וויל באדאנקן גאווערנער האקול פאר אירע שטיצע אין אריבערפירן די ביל, און איך האף אז מיר טוען ווייטער פריאריטאזירן מאטערנאל העלטקעיר כדי אז יעדער פאמיליע זאל קענען ביילעבן די ברכה פון האבן א קינד.”

לעגיסלאציע S.1965-A/A.3865-A פארברייטערט אינשורענס דעקונג פאדערונגען פאר מענטשליכע דאנאר מילך צו דרויסנדיגע-פאציענט סעטינגס.

**סטעיט סעניטער ברעד הוילמאן-סיגאל האט געזאגט,** ”נייע עלטערן, ספעציפיש די פון פריצייטיגע קינדער, זענען אויסגעשטעלט צו גענוג שוועריקייטן אזוי ווי ס'איז, האבן צוטריט צו מאמע'ס מילך צו האלטן זייער קינדער געזונט זאל זיין פון זייערע קלענסטע זארגן. צום באדויערן זענען די אומשטענדן יעצט נישט אזוי אין צוליב דעם האט אסעמבלימעמבער סאלאדשעס און איך באשטעטיגט די ביל צו פארברייטערן אינשורענס דעקונג פאדערונגען פאר מענטשליכע דאנאר מילך און אוועקנעמען די פאדערונג פאר דעקונג נאר דורכאויס אין-שפיטאל-פאציענט באנוץ (S.6674A). צו עס איז מאמעס וועלכע האבן שוועריקייטן צו זייגן אדער זעלבע שלעכטלונג פארן, אזויווי מיין מאן דעיוויד און איך, וואס האבן נישט די מעגליכקייט צו זייגן זייער קינדער, אלע עלטערן זאלן קענען געבן פאר זייער קינדער די נוטריענטס וואס זיי דארפן אהן זיך דערפן זארגן וועגן די קאסטן. איך בין דאנקבאר צו מאיאריטעט פירער סטוערט-קאזינס פאר אייביג פריארטיזירן די געזונט פון אונזער קינדער און צו גאווערנער האקול

פאר זיך צושטעלן צו אירע רעפּוטאציע אלץ 'ניו יארק'ס ערשטע מאמע גאווערנער' דורך ארייננשרייבן דער ביל אינעם געזעץ."

**אסעמבלימעמבער מיקעל. סאלאדשעס האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס פירערשאפט מיט אינטערשרייבן דער וויכטיגע לעגיסלאציע, פארזיכערענדיג אז פאמיליעס לענגאויס ניו יארק האבן צוטריט צו לעבנס-וויכטיגע הילפסמיטלען אזוויי מענטשליכע דאנאר מילך. אזוי ווי מיר ריקן זיך פאראויס מיט אונזער באמיאונגען צו באקעמפן טויט פון קליינע קינדער און פארבעסערן מאטערנאל געזונט, איז פארברייטערן אינשורענס דעקונג פאר דאנאר מילך א קריטישע טריט. דער לעגיסלאציע פארזיכערט אז עמפינדליכע ניי-געבוירענע קינדער,ספעציעל די אין נעאנעטעל אינטענסיוועו קעיר, באקומען די נויטיגע נוטרישען וואס זיי דארפן. צוזאמען, בויען מיר אויף די פארשריט געמאכט צו אדרעסירן אונטערשיידן אין קליינע קינדער קעיר און שטעלן צו פאר יעדער קינד די געזונטסטע אנהויב מעגליך."

גאווערנער האקול האט אינטערגעשריבן דער לעגיסלאציע בויענדיג אויף די סטעיט'ס פארפליכטונג צו מאטערנאל העלטקעיר. ניו יארק איז יעצט דאס ערשטע סטעיט אין די לאנד צו שאפן א [באצאלטע פאמיליע אורלויב פראגראם פאר פרינאטאל קעיר](). אינטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט ניו יארק האט אויך געמאכט פרינאטאל קעיר מער צוגענגליך פאר איבער א מיליאן נידריג-איינקונפט איינוואינער דורך [עלימינירן ארויס-פון-טאש קאסטן]() פאר געוויסע שוואנגערשאפט-פארבינדענע בענעפיטן פאר ניו יארקער אויף די עסענשל פלאן אדער קוואליפייד געזונטהייט פלענס. גאווערנער האקול נאט אויך דירעקטירט סטעיט געזונטהייט קאמיסיאנער דאקטאר דשעימס מקדאנעלד [צו ארויסגעגעבן א באויפטראגע וואס וועט פארברייטערן צוטריט צו וויכטיג-געדארפטע דאולא סערוויסן]() פאר מאמעס וואס געבן געבורט לענגאויס סטעיט. די באויפטראגע איז געווארן ארויסגעגעבן אום יוני 10, 2024.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן]()